# בצילא
## דמהימנותא עילאה

עלון פנימי ובלתי מוגה יו"ל פה קרית מלך רב שיכון סקווירא יע"א / עלון קי"ט - פרשת בהר שנת תשפ"ד לפ"ק


# מילי דמהימנותא

מתורתן של בנים - בני כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**חלק מהשיחה המרכזית ויסודית שהשמיע הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א לפני מאות אנשי שלומינו תושבי וויליאמסבורג בעת ביקורו המרומם על שב"ק פרשת קדושים העעל"ט בעת רעוא דרעוין בכל עניני עבודת ה' תורה ותפלה קדש עצמך במותר לך אחדות והתקשרות ונסיעה לצדיק וחיי רוממות**

**סך הכל קצר מהחלק הראשון שלא הוקלטה**

הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א האט אנגעהויבן איבער דער גרויסקייט פון אידן וואס קומען זיך צוזאם, און אז ביי חסידים איז שלוש סעודות אלעמאל געווען א יסוד, און דעמאלס איז געווען א זמן וואס מ'האט איבערגעגעבן איינער פאר אנדערן און מ'האט מקבל געווען. דעם רבי'נס זוהן האט ארויסגעברענגט אז מ'הערט טאקע ב"ה גוטע גריסן, אבער אלעמאל דארף מען גיין העכער און העכער און מ'טאר נישט בלייבן שטיין.

הרה"צ רבי אהרן מענדיל האט אנגעהויבן מיט די גרויסע זמנים אין וואס מ'שטייט: א) נאך פסח, וואס אויף פסח שטייט אין אלע ספרים אז עס ווערט נשפע א גרויסע אור און נאכדעם נעמט מען עס צו און מ'דארף ארבעטן במשך די ימי הספירה עס צוריקצובאקומען ביז מ'קומט אן צום יו"ט שבועות. ב) ימי הספירה, וואס דער רמב"ן זאגט אז די טעג פון ספירה האבן 'קדושת חול המועד', און וואס דער טאטע זאל זיין געזונט זאגט אלעמאל נאך פונעם מאור ושמש עה"פ 'ועשיתם ביום הניפכם את העומר כבש תמים בן שנתו לעולה' אז די 'יראי ה' וחושבי שמו' זענען מרגיש יעדן טאג פון ספירה אז זיי גייען אין א העכערע מדריגה מדרגא לדרגא. ג) חודש אייר, וואס דער טאלנער זי"ע ברענגט אין מגן דוד עה"פ 'ובשם ה' אלקינו נדגול', איבער די עבודה פון די דריי חדשים ניסן אייר און סיון, און ער זאגט אז חודש אייר איז נאך גרעסער ווי די אנדערע צוויי חדשים. ד) פרשת קדושים, וואס די גאנצע פרשה איז א פרשה פון טהרה.

דערנאך איז הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א אריין בפרטות אז מ'שטייט יעצט אין אזא זמן זענען דא כמה עצות צו צוקומען צו קדושה, דער ערשטער איז 'תורה', קודם שטייט דאך אז 'המאור שבה מחזירו למוטב, תורה מגינא ומצלא בין בעידנא וכו', און מ'זאל זיך נישט לאזן פון מניעות, די פארשידענע חלקים וואס זענען דא אין תורה, באיכות ובכמות, ווי טיף און וויפיל, און אלע חלקי התורה, און דערמאנט דער אזולאי אין פני דוד עה"פ 'ויעקב איש תם' אז טאמער ס'איז באשערט פאר איינעם צו זיין א תם, איז דורכדעם וואס ער זיצט און לערנט איז ער גורם אז די 'תם' זאל ארויפגיין אויף מילי דעלמא, אבער ביים לערנען מאכט די תורה אז מ'זאל פארשטיין און ס'זאל אריינגיין אזויווי עס איז געווען ביי יעקב, און דער חשיבות פון לערנען אין ביהמ"ד דוקא, און דערנאך איז ער אריבער צו דער ענין פון תפלה.

**גודל כח התפלה ואופן התפלה**

ס'איז דא א מדרש תנחומא (אמור כג) אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר די אידן 'בזכות התורה שאתם עסוקין בה הייתי מקשיב ושומע תפלותיכם', אז דער אייבערשטער הערט צו די תפילות בזכות פון לערנען תורה. דער טריסקער מגיד זי"ע ברענגט די וואך (פרשת קדושים) ער ברענגט עס אויך אין פרשת בא און אין אנדערע פלעצער - אז ס'איז דא א חקירה אין די ספרים וואס איז מער 'תורה' אדער 'תפלה בכוונה'? זאגט ער אז תורה איז זיכער א גרויסע זאך ס'איז נישטא וואס צו רעדן, אבער פונדעסטוועגן דאך תפלה שטייט נאך העכער! מ'זעהט אז משה רבינו האט מתפלל געווען תקט"ו תפילות, און תפלה איז פון די 'דברים העומדים ברומו של עולם' (ברכות ו:) זאגט ער אז מ'דאווענט בכוונה אויף אן אופן ווי עס דארף צו זיין דאס איז גאר א הויכע מדריגה און דאס איז בוקע רקיעים. אויף א צווייטע פלאץ ברענגט דער טריסקער מגיד א לשון וואס ער האט געהערט פון טאטן דער טשערנאבילער מגיד זי"ע, אז ס'איז נישטא קיין זאך וואס מ'קען נישט פועל'ן דורך תפלה! קומט אויס אז תפלה איז א שטארקע יסוד.

פארשטייט זיך אז ס'ווענדט זיך 'וויאזוי' מ'דאווענט. דער מאור ושמש ברענגט דאך אויך אין פרשת ויחי (ד"ה והנה איש) אז בפרט בדורינו איז דער 'עיקר' וועג אנצוקומען צום אייבערשטן דורך תפלה, דער בעל שם האט אריינגעשיינט א בחינה אז די וואס ווילן צוקומען צו קדושה און עבודת ה' ווי עס דארף צו זיין זאל מען זיך מחזק זיין אין תפלה. (ובלשון קדשו: "ובפרט בדורינו העיקר הזדככות לבוא לידע אלקותו ועבדות השי"ת - העיקר הוא התפלה, מעת שבא הבעש"ט הקדוש זצוק"ל הציץ וזרח אור התנוצצות קדושת התפלה בעולם, אל כל מי שרוצה לגשת לעבודת השי"ת). אויף תפלה זאגט דער מאור עינים א לשון אז ס'דארף זיין א התחדשות אין תפלה אז מ'זאל וויסן אז פון בריאת העולם איז נישט געווען די תפלה וואס ער דאווענט יעצט, ס'איז א נייע זאך, און א נייע זאך איז ביי א מענטש מער חשוב, ער געבט מער אכטונג אויף דעם, ער טוט עס אויף אן אופן מער בשלימות ווייל ס'איז א נייע זאך ביי איהם, דער תולדות (פרשת ויקהל ד"ה וחזר השואל) ברענגט דער לשון אז די דאווענען דארף זיין מיט א התחדשות אז ער זאל וויסן אז די תפלה פון די טאג וועט נישט זיין מער ביז משיח וועט קומען! דער תולדות ברענגט נאכמער אז נישט סתם די תפלה נאר אין איין תפלה אליינס די מנחה איז נישט גלייך צו שחרית און די מעריב איז נישט גלייך צו די מנחה, יעדע תפלה האט אן עקסטערע חשיבות וואס ביז משיח וועט קומען וועט שוין נישט זיין די תפלה, ממילא דאווענט זיך אביסל אנדערש אויף אן אופן ווי עס דארף צו זיין.

מ'רעדט דאך אין א שטיבל, מ'הערט ברוך ה' גוטע גריסן אז מ'שמועסט נישט ביים דאווענען און ביים לערנען און די אלע זאכן (של מורא מקדש), מ'דארף זעהן זיך מחזק צו זיין און דאס ווייטער אנהאלטן ביתר שאת וביתר עז, קומען באצייטנס צום דאווענען, ס'שטייט פון דער רבי ר' שמעלקא זי"ע (דברי שמואל פרשת בא ד"ה וזהו הנקראים) אויף דעם וואס די גמרא זאגט אין יבמות (ו:) אזוויי דאס וואס מ'האט מורא פון שבת האט מען נישט מורא פון שבת נאר מ'האט מורא פון דער וואס האט געגעבן דעם שבת דער זעלבע זאך ווען מ'קומט אריין אין ביהמ"ד האט מען נישט מורא פון דער ביהמ"ד נאר פון דער וואס איז דארט אין ביהמ"ד, טייטשט דער רבי ר' שמעלקא 'מה טובו אהליך יעקב' די יסודות וואס אונז האבן אין דער ענין פון תפלה, איז ווייל 'משכנותיך ישראל' ס'איז דא אן ענין פון השראת השכינה אין א ביהמ"ד. דארף מען זיך מתבונן זיין אין ביהמ"ד וואו בין איך יעצט? וואו שטיי איך יעצט? מ'דארף דאווענען פארן אייבערשטן, אז מ'איז זיך מתבונן אין דעם איז די גאנצע דאווענען אויף א העכערן אופן, אויף א דערהויבענעם אופן, אויף א ווארעמען אופן, אויף אן אפגעהיטענעם אופן, אז ס'זאל זיין אזוויי עס דארף צו זיין אין אלע ענינים.

**כח האחדות והתגברות על הנסיונות באחדות**

מ'האט שוין דערמאנט און געהערט במשך פונעם שבת אסאך איבער דעם 'פרשה זו נאמרה בהקהל' (ויקרא רבה קדושים כד, ה) מ'נעמט זיך צוזאם אן ענין פון אחדות, מ'רעדט פון שבועות ס'איז א הכנה צו קבלת התורה דער פסוק זאגט דאך (יתרו יט, ב) 'ויחן שם ישראל - כאיש אחד בלב אחד', אלץ דארף זיין אן ענין פון אחדות. דער טאטע זאל זיין געזונט האט דערמאנט אמאל עה"פ (ראה טו יא) 'כי לא יחדל אביון מקרב הארץ', אז א מענטש אליינס קען נישט צוקומען צו שלימות, לגבי מצוות און מעשים טובים און ביי אלע אנדערע זאכן פון שלימות העבודה, ווייל ס'איז דא מצוות וואס דער קען יא מקיים זיין און דער נישט, קען א מענטש נישט זוכה זיין אליינס צו שלימות, ווען יא? איז דא צוויי עצות אויף דעם, אדער אז ער לערנט תורה, ער לערנט די הלכות, וואס אויף דעם שטייט דאך (מנחות קי.) כל העוסק בתורת.. איז כאילו ער האט מקיים געווען אלע מצוות, אדער אז מ'זעצט זיך צוזאם אידן צוזאמען דעמאלטס ווערט איבערגענומען איינער פונעם צווייטן, און וואס דער האט געטוהן ווערט אויך גערעכענט פאר דעם און ס'ווערט א שלימות, דאס זאגט דער פסוק 'כי לא יחדל אביון מקרב הארץ' א מענטש איז דאך א בחינה פון אן 'אביון' ער קען זיך נישט משלים זיין אין עבודת ה' מצוות און מעשים טובים בשלימות, איז דא צוויי עצות, 'על כן אנכי מצווך' איז א לשון פון צוות"א, אז מ'זעצט זיך צוזאם אידן צוזאמען און מ'לערנט צוזאמען, מ'איז באחדות צוזאמען, ווערט גערעכענט דאס וואס דער האט געטוהן פאר א צווייטן, און דער צווייטע עצה איז 'לאמור' אז מ'לערנט תורה ווערט עס אויך גערעכענט כאילו מ'האט עס מקיים געווען בפועל.

מ'האט פריער דערמאנט (בדרשה הקודם) דער ווארט פונעם טשארטקובער זי"ע, הרה"ח ר' משה גבאי ז"ל האט געזאגט פארן זיידן ז"ל דעם ווארט און ער האט עס געזאגט אביסל שטערקער, דער לשון המשנה איז דארט (מסכת שבת) 'ספינות הקשורות זו לזו מטלטלין מזו לזו אינן קשורות אע"פ שמוקפות אינן מטלטלין מזו לזו', פשט איז אזוי, מ'האט שוין געשמועסט אז ס'איז דא אן ענין פון 'אחדות' און אהבת ישראל, און ס'איז דא אן ענין פון זיין 'מקושר' חברים איינער צום צווייטן, 'ספינות' גייט ארויף אויף די נשמות פון די אידן, טאמער איז עס 'קשורות זו לזו' אז מ'איז אנגעבינדן איינער מיטן צווייטן, 'מטלטלין מזו לזו' ווערט גערעכענט דאס וואס איינער האט געטוהן אויף פארן צווייטן, אבער 'אינן קשורות אע"פ שמוקפות' אפילו מ'זיצט צוזאמען און מ'לעבט צוזאמען, מ'איז באחדות צוזאמען און מ'האט ליב איינער דעם צווייטן, אבער טאמער ס'איז נישט קשורות 'אינן מטלטלין מזו לזו'. דער ענין פון 'אחדות' ביי חסידים, בפרט ביי א שטיבל, מ'לעבט כאיש אחד בלב אחד, מ'לעבט ווי אן אייגענע שטוב, מ'קומט זיך אויס איינער מיטן צווייטן, מ'לעבט צוזאמען איינער מיטן צווייטן, איינער זעהט פון וואס א צווייטער האט הנאה, וויאזוי א צווייטער איז מצליח און ס'גייט איהם גוט, פארקערט וויל איך נישט ארויסברענגען (בעת צר חלילה) אבער על כל פנים אין וועלכע מצב ס'איז נאר העלפט מען ארויס איינער דעם צווייטן ממש ווי משפחה - דאס איז א שטארקע 'יסוד' אין עבודת ה' און אן אמת'ע 'שלימות העבודה' וואס מטלטלין מזו לזו.

דאך איז דא אמאל נסיונות אין דעם, א מענטש נישט אלעמאל - אפשר רוב מאל - קומט עס נישט אן גרינג, אמאל דאכט זיך איהם אז יענער האט איהם ווי געטוהן, ס'איז איהם שווער ער קען עס נישט אראפשלינגען, ער איז דאך א בשר ודם ער קען נישט שולט זיין אויף זיך, ער קען עס נישט אראפשלינגען, ווי קען ער זעהן גוטס אין א צווייטן וואס האט איהם ווי געטוהן? מ'האט געשמועסט נעכטן (בליל שב"ק) ס'איז געווען די יארצייט פון דער באהאפאליער מגיד זי"ע ברענגט ער (בספרו עטרת תפארת ישראל) אויף דעם וואס חז"ל זאגן (אבות ו, יא) 'כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו' יעדע זאך וואס דער אייבערשטער האט באשאפן איז נאר אז מ'זאל קענען צוקומען מיט דעם צו עבודת ה', פארוואס האט דער אייבערשטער באשאפן 'שכחה' פארגעסן, ווי איז נוגע למעשה צו האבן שכחה? ברענגט דער באהאפאליער מגיד אז שכחה איז נוגע ביי חברים, עס דאכט זיך איהם אמאל, צי אמאל האט יענער טאקע געטוהן אן עולה פאר איהם, פארגעס עס! זעה אז דו זאלסט עס פארגעסן, כדי אז דו זאלסט קענען צוקומען צו אחדות מיט א צווייטן, דעמאלטס קען מען נוצן דער ענין פון 'שכחה' אויף עבודת ה', כל מה שברא הקב"ה לא ברא אלא לכבודו און מיט דער ענין פון שכחה קען מען אויך דינען דעם אייבערשטן.

**קדש עצמך במותר לך - היאך ולמה**

מ'רעדט פון 'פרשה זו נאמרה בהקהל שרוב גופי תורה תלוין בה' ברענגט דער טאלנער אין ברכת דוד (פרשת קדושים) אז דער אייבערשטער האט באשאפן דער וועלט אז מ'זאל ממשיך זיין קדושה וטהרה אויף דער מענטש, דאס איז די גאנצע יסוד אויף וואס די בריאה איז געווען אז מ'זאל ממשיך זיין קדושה וטהרה אויף דער מענטש, וויאזוי איז מען ממשיך קדושה וטהרה? איז דא צוויי וועגן, איינס איז אז מ'שיידט זיך אפ פון זאכן וואס מ'דארף נישט, סור מרע מ'טוט נישט קיין זאכן וואס מ'דארף נישט נאר מ'דערווייטערט זיך פון דעם, נאכדעם איז דא א בחינה פון 'קדש עצמך במותר לך' (יבמות כ.) אפילו זאכן וואס מ'מעג יא טוהן אבער ס'דארף זיין א בחינה פון קדש עצמך, נישט אלעס דארף מען טוהן סתם נישט בקדושה, ס'דארף זיין 'קדש עצמך במותר לך' אז ס'זאל זיין בקדושה ובטהרה, זאגט דער טאלנער 'קדושים' איז א לשון רבים, זאגט ער דער לשון 'היעלה על הדעת' וועט איינפאלן פאר א מענטש אז דער אייבערשטער האט באשאפן די אלע עולמות און די גאנצע בריאה אז דער גוף פונעם מענטש זאל הנאה האבן? נאר וואס דען, דער אייבערשטער האט באשאפן די בריאה כדי אז דער מענטש זאל ממשיך זיין קדושה וטהרה אין יעדע פעולה וואס ער טוט, זאגט ער אז א מענטש האט נסיונות אדער אנדערע ענינים קען מען זיך אן עצה געבן, מ'שטארקט זיך, ס'איז טאקע שווער אבער מ'קען זיך אן עצה געבן, אבער צו ממשיך זיין קדושה וטהרה אויף קדש עצמך במותר לך, און אויף זיך אפשיידן פון זאכן וואס מ'דארף נישט, דאס קען מען נאר 'ברבים'! אז ס'איז א כח הרבים אז מ'לעבט צוזאמען באחדות מיט אנדערע אידן דעמאלטס קען מען זיך מתגבר זיין אויף די נסיונות, זאגט ער 'פרשה זו נאמרה בהקהל שרוב גופי התורה תלוין בה' גופניות'דיגע זאכן קען מען זיך נאר מתגבר זיין ווען ס'איז 'הקהל' - אידן צוזאמען, דער ענין פון אחדות איז א שטארקע גדר אז מ'זאל קענען דינען דעם אייבערשטן סיי אין 'סור מרע' און סיי אין 'קדש עצמך במותר לך'.

ס'איז דא אין תולדות א אויסדריק - ער ברענגט עס מער ווי איינמאל (בראשית ד"ה היוצא מזה, ויחי ד"ה ודע כי, קרח ד"ה ונחזור לענין) אז ס'איז געווען צוויי מענטשן וואס ביידע האבן געהאט

טויזנט דינרים, איינער האט געוואוינט אין א דארף און איינער האט געוואוינט אין א שטאט, דער וואס האט געוואוינט אין א שטאט איז טויזנט דינרים נישט געווען קיין חשיבות ביי איהם ווייל ס'איז דא אנדערע מענטשן וואס האבן מער ווי איהם, און דער וואס האט געוואוינט אין א כפר ביי איהם איז דאס וואס ער האט געהאט טויזנט דינרים געווען א גרויסע חשיבות ווייל ס'איז געווען מער ווי אנדערע, דער זעלבע זאך דארף זיך א מענטש שוקל זיין, אלע אידן לערנען, אלע אידן דאווענען, אלע אידן טוען מצוות און מעשים טובים, 'אבער' ווענדט זיך וואו מ'איז, חסידישע יונגעלייט וואס ווערן אויפגעהאדוועט אין א פלאץ דארפן געדענקען פון וואו מ'קומט, די טויזנט דינרים ווענדט זיך אסאך פון וואו דו קומסט און וואו דו דרייסט זיך, פאר וועם דו דארפסט משפיע זיין און אויף וועם דו דארפסט אויפטוהן, די טויזנט דינרים איז נישט פשט אז ס'איז פארדינט, ס'ווענדט זיך וואו דו ביסט, טאמער ביסטו אויף א פלאץ ווי מ'ארבעט צוזאמען, מ'שטייגט צוזאמען און מ'דינט דעם אייבערשטן און מ'זוכט מוסיף צו זיין, ווי דער טאטע זאל זיין געזונט דערמאנט כסדר אז מ'זאל לעבן א העכערע לעבן, דארף מען זעהן אז די טויזנט דינרים זאל זיין אויף א שטערקערן אופן, מ'דארף מער מוסיף זיין כסדר.

### רחמנא ליבא בעי - היאך ולמה

דער טאטע זאל זיין געזונט האט דערמאנט פאריגע וואך (ליל שב"ק פרשת אחרי) אן אורח לחיים אויף דער מאמר חז"ל (סנהדרין קו:) 'רחמנא ליבא בעי', זאגט ער אז די תורה ענדיגט זיך מיט א ל' און ס'הייבט זיך אן מיט א ב' - ל"ב, דער אייבערשטער וויל 'רחמנא לבא בעי', ווי די גמרא זאגט (נזיר כג.) ביי 'שנים שצלו פסחיהן' ביידע האבן געטוהן די זעלבע פעולה ביידע האבן געבראטן די קרבן פסח, ביי איינס שטייט 'צדיקים ילכו בה' און ביי די אנדערע שטייט פארקערט, די פעולה האבן ביידע געטוהן דער זעלבע, וואס איז די חילוק? די חילוק איז די אופן וויאזוי מ'האט עס געטוהן, די מחשבה מיט וואס מ'האט עס געטוהן, דער אייבערשטער וויל אז ס'זאל זיין א בחינה פון מחשבה אויף אן אופן פון א 'העכערקייט', רחמנא ליבא בעי' דער אייבערשטער וויל ס'זאל זיין א בחינה פון ליבא, ווייל נאר אזוי קען מען אנקומען צו עבודת ה' מיט א העכערקייט.

ממילא חסידישע יונגעלייט דארפן וויסן ביי זיך אז ביים לערנען איז דא צוויי וועגן פון לערנען, ס'איז דא לערנען: אז מ'לערענט אפ און מ'האט יוצא געווען, שוין געלערענט, דער זעלבע זאך דאווענען: מ'נעמט א סידור און מ'דאווענט, טוהן מצוות און מעשים טובים: ער האט געטוהן, ער האט אפגעטוהן א מצוה, אבער נישט דאס איז די הארוואניע פון א חסידישע יונגערמאן, די הארוואניע פון א חסידישע יונגערמאן איז 'רחמנא ליבא בעי', ס'מוז זיין אביסל מיט א העכערקייט, מ'דארף געדענקען 'האדם עץ השדה' (שופטים כ, יט) אז א מענטש איז אזויווי א בוים, מ'דארף געדענקען וועלכע שרשים מ'האט, ווי מ'איז איינגעפלאנצט געווארן, ווי מ'איז איינגעזייעט געווארן, ווי מ'איז געוואקסן, אויף וואספארא שרשים מ'איז געוואקסן, און מ'דארף כסדר מוסיף זיין די שרשים, וואספארא פירות ער וויל ארויסגעבן, פירות מיינט די 'אייגענע' פירות, די אייגענע מצוות און מעשים טובים, און פירות מיינט די 'דורות' וואס קומען ארויס, דארף מען זיך מתבונן זיין 'וואו בין איך'? 'וואו וואקס איך'? 'פון וואו קום איך'? לויט דעם דארף מען טוהן די עבודה, מ'קען נישט סתם יוצא זיין איך האב געלערענט אביסל, איך האב געדאווענט אביסל, איך האב געטוהן מצוות אביסל, ביסט אן ערליכע איד, האסט טאקע געלערענט, האסט טאקע געדאווענט, האסט טאקע געטוהן מצוות און מעשים טובים, אבער נישט דאס איז א ווארעמע א חסידישע יונגערמאן, רחמנא ליבא בעי, ס'ווענדט זיך וואס דו טוהסט אזויווי ביי 'שנים שצלו פסחיהם', ס'דארף זיין 'צדיקים ילכו בם' ס'זאל זיין מיט א תוכן, מיט א פנימיות, מיט א העכערקייט, נאר אזוי קען מען אנקומען צו עבודת ה'.

### תורת הבעל שם מסורת רבותינו ונסיעה לצדיקים

אויף דעם איז דא 'תורת הבעל שם'! מ'גרייט זיך אויף שבועות וואס איז א חלק פון תורת הבעל שם, כ"ק מרן הרה"ק רבי איציקל סקווירער זי"ע האט געזאגט אז דער בעל שם האט מגלה געווען די נשמה פון די תורה, ס'איז דא 'צוויי' שלחן ערוך'ס אבער ס'איז 'איין' שלחן ערוך, ס'איז דא א שלחן ערוך וואס דארט שטייט 'וואס' א איד דארף צו טוהן, 'וואס' ער טאר נישט טוהן, און ס'איז דא א שלחן ערוך וואס דארט שטייט 'וויאזוי' מ'דארף טוהן, 'וויאזוי' מ'דארף דינען דעם אייבערשטן, ס'איז אויך א שלחן ערוך, די ביידע זאכן גייען צוזאמען, תורת הבעל שם לערנט אונז אויס וויאזוי מ'דארף דינען דעם אייבערשטן, וויאזוי מ'דארף לערנען בקדושה ובטהרה, וויאזוי מ'דארף דאווענען מיט א פנימיות מיט א ווארעמקייט מיט א העכערקייט און מיט א דביקות צום אייבערשטן, וויאזוי מ'דארף טוהן מצוות און מעשים טובים, ס'דארף זיין 'קדש עצמך במותר לך', וויאזוי מ'דארף זיך אויפפירן אין אלע ענייני עבודת ה', דאס לערנט אונז תורת הבעל שם אז מ'דארף זיין אן ערליכע איד אין א בחינה פון 'ליבא בעי' בשלימות.

אין דעם קען אמאל זיין נסיונות, א מענטש קען אמאל טראכטן ביי זיך איך בין נישט איינגאנצן פון די דערהויבענע, איך בין אין א שוואכערע דרגא, איז דא א ווארט פון הרה"ק רבי אהרן הגדול זי"ע, זאגט ער א לשון דארט 'לא תעשה לך פסל' (יתרו כ, ד) פסל דיך נישט! זאג נישט אז דו ביסט נישט ראוי, זאגט נישט אז דו קענסט נישט, זאג נישט אז דו ביסט אין די דרגא, 'אל תהי בז לכל אדם' (אבות ד, ג) פארשעם דיך נישט 'ואל תהי מפליג לכל דבר' זאלסט דיך נישט דערווייטערן, דאס מיינט אז דו זאלסט נישט דערווייטערן זאכן און זאגן אז ס'איז נישט מעגליך און דו קענסט נישט, דו קענסט יא! יעדע חלק התורה איז תורה מסיני, אלע חלקי התורה אלץ איז געגעבן געווארן פאר דיר פונקט ווי פאר א צווייטן, ממילא דארף מען וויסן אז פון דעם רירט מען זיך נישט אוועק, אויף דעם שטייט מען מיט א פעסטקייט, ווי מ'האט געשמועסט פריער אז די שרשים דארפן זיין פעסטע שרשים און מוסיף זיין אויף די שרשים, און פון דעם בייגט מען זיך נישט אוועק.

ס'איז דא א לשון המשנה אין מסכת נגעים, צוויי מאל ווערט עס דערמאנט אין נגעים אין פרק ט' (משנה ג') און אין פרק י"א (משנה ז') רבי יהודה בן בתירא מיט רבי אליעזר איינער וויל ברענגען א ראיה פארן צווייטן, האט ער איהם געזאגט 'אם לקיים דברי חכמים' ווילסט מיר ברענגען א ראיה אזויווי מיינע רבי'ס האבן מיך געלערענט 'הן' הער איך, טאמער ווילסטו מיך ברענגען א ראיה נישט ווי מיינע רבי'ס האבן מיך געלערנט, אפילו דו ברענגסט מיך א ראיה פון די תורה וועל איך מיך נישט אוועקבייגן פון דעם! ער זאגט דער לשון 'איך וועל נישט איבערלאזן די זאך וואס איך האב מקבל געווען פון מיינע רבי'ס אפילו דו ברענגסט מיר א ראיה פון די תורה', א 'לשון המשנה'. דאס איז א יסוד וואס א חסידישע יונגערמאן דארף וויסן ביי זיך, מ'מיינט אמאל אז מ'בייגט זיך אוועק אביסל, מ'דארף געדענקען 'המעט מכם כי הבדיל אלקי ישראל אתכם' (קרח טז, ט) מ'מיינט אז מ'בייגט זיך אוועק 'המעט מכם', אבער ס'איז דער אייבערשטער זאל אפהיטן 'כי הבדיל' ס'טויג נישט, א איד דארף וויסן ביי זיך 'לא מרובכם מכל העמים וכו' כי אתם המעט מכל העמים' (ואתחנן ז, ז) נישט אז מ'מיינט אז מ'גייט נאך מיט 'כל העמים' ווערט מען גרויס 'מרובכם - כי אתם המעט מכל העמים' די גאנצע עבודה איז נאר אז מ'זאל זיך דערווייטערן 'מכל העמים' פון די רוח פון די גאס, מ'לעבט א חסידישע לעבן א העכערע לעבן אזוי קען מען שטייגן אין עבודת ה'.

מ'רעדט פון 'ווארעמקייט', ס'איז דא אן אהבת שלום (כי תצא) וואס זאגט אז דער פסוק 'אשר קרך בדרך' (כי תצא כה, יח) גייט ארויף אז מ'זעהט אמאל א מענטש באקומט א קרירות אין עבודת ה', בפרט אין 'אהבת צדיקים' און 'אהבת חסידים' - געווענטליך שטעלט מען צוזאם אהבת חברים מיט התקשרות צדיקים צוזאמען - לייגט ער צו 'ובפרט לכתת רגליהם בדרך לילך לצדיקים' דער ענין פון נסיעה לצדיקים, ברוך ה' דער עולם דא איז מקיים

נסיעה לצדיקים, מ'דארף עס אנהאלטן און מ'דארף וויסן נישט אז מ'זוכט יוצא צו זיין, ס'איז דאך דא פארשידענע טעמים אין נסיעה לצדיקים, איינער פון די טעמים איז אז ס'זאל נישט קענען זיין קיין חזקה פון דער יצר הרע דארף מען עס מבטל זיין, לויט די היינטיגע יצר הרע איז איינמאל א יאר נישט גענוג מבטל צו זיין די חזקה... וויפיל מ'קען דארף מען פראבירן אנצוהאלטן (הענין של נסיעה לצדיקים) מ'שעפט זיך אן, נישט אלעמאל שפירט מען אויף די מינוט אז מ'האט קונה געווען עפעס אבער ס'איז זיכער אז אלעמאל איז מען 'יא' קונה עפעס, און מ'דארף וויסן אז ס'איז נישט געווען אומזיסט, אלעמאל איז מען מקבל השפעות טובות, דער עיקר אז מ'דארף זעהן אנצוהאלטן זאכן, נישט נאכלאזן קיין זאכן כדי אז ס'זאל נישט זיין 'אשר קרך בדרך', זאגט דער אהבת שלום דער לשון דארט 'ועדיין הוא מרקד בינינו' דער יצר הרע איז נאכנישט בטל, ממילא דארף זיין זה לעומת זה, מ'דארף זיך כסדר אנווארעמען, אנהאלטן באחדות צוזאמען, חברים צוזאמען, א שטיבל צוזאמען, התקשרות צדיקים, נסיעה לצדיקים, תורת הבעל שם: האבן א שיעור קבוע און חסידישע ספרים, דאס ברענגט א ווארעמקייט א דערהויבנקייט, דאס איז דער שלחן ערוך וויאזוי צו דינען דעם אייבערשטן און וויאזוי צו זיין א איד.

**ע"י שבת כזה בוודאי יושפעו כל ההשפעות**

דער לשון פון דגל די וואך (פרשת קדושים ד"ה עוד ירמוז) עה"פ 'קדושים תהיו וכו' כי קדוש אני ה'' (יט, ב) און דער מדרש (ויקרא רבה כד, ט) 'יכול כמוני וכו'', זאגט ער אז א מענטש איז א 'חלק אלוק ממעל' און מ'קען מאכן אז דער חלק זאל זיין ככולו - אזא לשון זאגט דער דגל - אז א מענטש קען האבן די קדושה פון אייבערשטן, זיין 'חלק' קען זיין 'ככולו', 'כי קדוש אני ה'' ווייל דער אייבערשטער איז א בחינה פון קדוש, און דער אייבערשטער זאגט אז 'קדושתי למעלה' מיין קדושה ווערט נתעלה 'מקדושתכם', אז אידן זענען מוסיף כח למעלה מיט זייער עבודה. א מענטש דארף זיך מתבונן זיין, איך לערן, איך דאווען, איך טוה מצוות און מעשים טובים, ס'איז נישט נאר אויף די וועלט, דאס איז עושה רושם למעלה, ממילא וועט ער זיך נישט נאכלאזן, ער וועט זיך מחזק זיין און ער וועט שטיין מיט א פעסטקייט, ער וועט נישט טראכטן ביי זיך 'וואס בין איך?' ער וועט טראכטן ביי זיך 'יא ס'האט א חשיבות ביים אייבערשטן'! 'בנים אתם לה' אלקיכם' (ראה יד, א) ס'האט א חשיבות מיין עבודה, אזוי וועט זיין אן ענין פון שלימות העבודה.

פון דער רבי ר' שמעלקא זי"ע שטייט טאקע עה"פ 'קדושים תהיו כי קדוש אני ה'' אז דער אייבערשטער זאגט פאר די אידן 'קדושים תהיו' עטץ זאלט זיין גרייט, א לשון הכנה, 'כי קדוש אני' ווייל פונעם אייבערשטן איז נישטא קיין עיכוב, דער אייבערשטער איז אלעמאל גרייט! ממילא אידן אין אזא מצב אז מ'נעמט זיך צוזאם, מ'האט א שבת התוועדות צוזאמען, מ'איז זיך מחזק איינער דעם צווייטן, מ'איז זיך מקבל אויף זיך אנצוהאלטן ווייטער ביתר שאת, מוסיף זיין כסדר אין עבודת ה' אין רוחניות, איז דאך עס 'קדושים תהיו' מ'מאכט די ריכטיגע הכנה, און עס איז דא א הבטחה אז דער אייבערשטער וועט זיכער צוריקגעבן כפלי כפליים ברוחניות ובגשמיות.

דער דיין (הרה"ג ר' יצחק שמעון וואזנער שליט"א דומ"ץ צמח דוד) האט פריער דערמאנט השפעות גשמיות האב איך געטראכט אז ס'קומט שוין שבועות וואס 'הכל מודים בעצרת בעינן נמי לכם' (פסחכים סח:). דער אייבערשטער זאל העלפן מ'זאל קענען מקבל זיין די אלע השפעות ברוחניות ובגשמיות, און שטייגן אין עבודת ה' און זיך קענען מתגבר זיין אויף די נסיונות, א מענטש זאל זיך נישט איינרעדן אז ער גייט נישט האבן קיין נסיונות דער אייבערשטער האט אוועקגעשטעלט די בריאה אז א מענטש האט נסיונות! ווענדט זיך וויאזוי מ'באהאנדעלט די נסיונות, אז מ'גרייט זיך צו צו דעם, מ'שטעלט זיך אוועק מיט א פעסטקייט און מ'ווייסט חק ולא יעבור איך בייג מיך נישט פאר די נסיון! איך בייג מיך נישט פאר די נסיון! און מיט אביסל תפילה צו דעם האט מען סייעתא דשמיא צו קענען שטייגן אין עבודת ה', און מיט אזא כח הרבים אז מ'נעמט זיך צוזאם אין אזעלכע געהויבענע זמנים - ווי מ'האט פריער געשמועסט - איז זיכער אז מ'וועט קענען קונה זיין פאר זיך אלע השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות, און מ'זאל קענען זיין כסדר מוסיף והולך אין אלע ענינים פון עבודת ה', און קענען דינען דעם אייבערשטן כסדר מתוך שמחה.

וחזר הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א עוד הפעם על ברכת הקודש המיוחדת ששלח כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל השבת שמסר בסעודת ליל השבת: איך וועל נאכאמאל איבערגעבן די ברכה פון טאטן זאל זיין געזונט, חזרה דארף מען האבן אויף דעם אויך: **"מ'קומט זיך צוזאם שבת אין די ימי הספירה, ס'איז א דבר בעתו ווייל גאנץ ספירה איז אן הכנה צו קבלת התורה, און דער תולדות ברענגט דאך אז 'השם עוז לעמו יתן' (תהילים כט, יא) איז נאר דורך 'השם יברך את עמו בשלום'. דער אייבירשטער זאל העלפן ס'זאל טאקע זיין א חיזוק אין אחדות כאיש אחד בלב אחד, 'איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק', ווי דער מבשר צדק ברענגט די וואך אז דורך אחדות איז מען ממשיך רחמים אויף אלע עולמות.**

**ס'זאל אויך זיין א חיזוק אין אלע עניינים וואס מ'דארף זיך מחזק זיין: די וואס לערנען א גאנצן טאג זאלן קענען זיצן אין לערנען מיט הרחבת הדעת, און די וואס זענען קובע עתים לתורה זאלן דאס קענען אנהאלטן אז ס'זאל טאקע זיין א קביעות. דער מאור עינים ברענגט דאך אז תורה אן תפילה איז א פלג גופא, זאל עס טאקע זיין א חיזוק אין תפילה מיט כוונה און התלהבות. דער תולדות ברענגט דאך עה"פ (ואתחנן י, כ) 'אותו תעבוד ובו תדבק' אז צו תפילה דארף מען התקשרות צדיקים, זאל עס טאקע זיין א חיזוק אין קביעות אין חסידישע ספרים, און א חיזוק צו קומען צו די חברות - 'און מ'זאל זיך משתדל זיין צו קומען בקביעות', און א חיזוק אין אלע חסידישע צוזאמקומען, וואס דאס איז דאך א קירוב הגאולה ווי דער דגל ברענגט אויף 'בריש גלי'. ס'שטייט דאך די וואך (קדושים יט, ל) 'את שבתותי תשמורו', זאל עס טאקע זיין א חיזוק אז די שבתים זאלן זיין מיט א העכערקייט, די תפילות און דאס צוזאמקומען פרייטאג צונאכטס און שלש סעודות.**

**צו די אלע עניינים דארף מען דאך סור מרע - די גדרים וסייגים, ווי דער נפש דוד ברענגט די וואך אויפן פסוק 'איש אמו ואביו תיראו' אז 'אביו' גייט ארויף אויף תורה שבכתב און 'אמו' גייט ארויף אויף תורה שבעל פה, לגבי 'מורא' האט דער פסוק מקדים געווען תורה שבע"פ פאר תורה שבכתב ווייל 'חמורים דברי סופרים יותר מדברי תורה', זאל עס טאקע זיין א חיזוק אז מ'זאל זיך מחזק זיין מיט די גאנצע משפחה אין אלע גדרים וסייגים, הן בנוגע די כלים המשחיתים אז מ'זאל מאכן משמרת למשמרת, הן בלבוש און אין אלע ענינים. דער אייבירשטער זאל העלפן מ'זאל זיין געזונט, און זיך קענען צוגרייטן צו קבלת התורה און טאקע מקבל זיין די תורה מיט אלע השפעות טובות בגשמיות וברוחניות, מתוך שמחה ונחת תמיד".**

**לרגל היומא דהילולא קדישא של הרה"ק רבי פיניעלע מאוסטילא זי"ע שחל בעצם יום השבת י"ז אייר ל"ב בעומר מביאים אנו סיפורי קודש ופתגמי הדרכה שסיפר הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א בלילי שב"ק בשנים שעברו לבחורי ישיבתינו הקדושה לרגל היומא דהילולא קדישא של זקינו הקדוש**

**ולא בזה את תפילתם**

א) די וואך איז דער יארצייט פון הרה"ק רבי פיניעלע אוסטילער זי"ע, ער האט פארציילט אמאל א מעשה: אין קארלין האט מען געדאווענט הויעך, מ'האט אריינגעלייגט אן עבודה אינעם דאווענען, איז געווען אמאל וואס ס'איז אנגעקומען א איד, מכלומר'שט האט ער געהייסן א חשוב'ער איד, און ער האט געלערנט דארט און זיך נאנט געמאכט מיטן עולם, נאך א שטיק צייט האט ער געזאגט אז ער זעהט וויאזוי מ'לייגט אריין אזא עבודה ווען מ'דאווענט, אבער דער עיקר איז לערנען, מ'דארף פארלייגן דעם עיקר כח אויף לערנען, ער האט אזוי אוועקגעמאכט דעם כח פון דאווענען, הגם אז מכלומר'שט האט ער געהייסן א חשוב'ער איד, אבער אז דער עולם האט געהערט ווי ער מאכט אוועק, ער מאכט קאלט, האט מען איהם גלייך באזייטיגט, האט הרה"ק רבי שלמה קארלינער זי"ע שפעטער געזאגט אז אין הימל איז דער שטן געקומען מיט טענות אז דאס וואס מ'דאווענט איז מן השפה ולחוץ, נישט מיט קיין פנימיות, האט מען איהם געגעבן רשות צו קומען אויספראבירן, דערפאר האט ער זיך פארשטעלט און ער איז געקומען לערנען, און מיט דעם וואס מ'האט איהם באזייטיגט האט מען שטיל געמאכט דעם קטרוג - דער אמת איז אז עס איז נישט נאר ביים דאווענען (שצריכין להסיר את מי שמקרר) ס'איז נוגע ביי אלע עניני 'יראת שמים'!...

**ונחה עליו רוח ה'**

ב) דער טשעבינער ראש ישיבה הרה"ג ר' ברוך שמעון שניאורסון זצ"ל - ער איז געווען א 'חסידישער חסידישער תלמיד חכם' - האט פארציילט אז איינמאל איז ער געווען אויף א פלאץ און רבי פיניעלע אוסטילער איז דארט געווען, האט ער געטראכט אז ער וועט זיך שטעלן ביים טיר און ווען רבי פיניעלע וועט ארויסגיין וועט ער איהם קענען זעהן, למעשה איז רבי פיניעלע געגאנגען פון א צווייטער טיר, האט ער געטראכט אז ס'איז א ענין פון רוח הקודש אז ער האט געזעהן אז מ'ווארט... איז ר' ברוך שמעון געקומען צו דער אנדערע טיר און רבי פיניעלע האט מרגיש געווען זיין מחשבה, האט ער געזאגט: "אפילו מ'האט רוח הקודש נוצט מען עס נישט פאר אזעלכע זאכן"...

**תשיג גבול רעך**

ג) ס'איז געווען אמאל מוצאי שבת וואס דער עולם האט געווארט אריינצוגיין פראווענען, און רבי פיניעלע האט באמערקט ווי מ'שטופט זיך און איינער האט זיך אריינגעשטעלט פאר אנדערע אידן, ס'האט אים זייער שטארק געשטערט פארוואס יענער האט זיך אזוי פאראויס געשטופט, האט ער געזאגט יעצט פארשטייט ער שוין פארוואס מ'האט נישט קיין פרנסה, ווייל מ'זוכט צו משיג זיין און אויסכאפן א צווייטן! ס'איז יעצט ביינאכט, ס'איז נישטא קיין באן יעצט, וואו יאגט מען זיך?! פארוואס דארף ער זיך אזוי אריינשטעלן?! ס'האט איהם זייער שטארק געשטערט אז יענער האט זיך אריינגעשטעלט פאר אנדערע אידן אן קיין סיבה און ער האט אויפגעהערט פראווענען דעמאלטס.

**ולקחתם לכם פרי עץ הדר**

ד) אין ארץ ישראל איז געווען ר' מנחם מענדיל פריעדמאן ע"ה, ער האט עוסק געווען אין אתרוגים און ער פלעגט שיקן אן ארץ ישראל'דיגע אתרוג פארן פריערדיגן בעלזער רב זי"ע און פאר רבי פיניעלע, אוסטילער זי"ע, איז דא א בריוו ווי רבי פיניעלע שרייבט אז ער זאל אויך שיקן אן אתרוג פארן זיידן ז"ל, הגם דער זיידע ז"ל האט שוין נישט געוואוינט דארט ער האט שוין געוואוינט אין ראמעניע האט ער זיך געזארגט אז דער זיידע ז"ל זאל האבן אן אתרוג, ער שרייבט אפילו אינעם בריוו די אדרעס פונעם זיידן ז"ל וואו ער זאל עס שיקן.

**עובר ושב ויכניסם בביתו**

ה) מ'פלעגט נישט אזוי וויסן דערפון אלע יארן, אבער לעצטנס האט מען אסאך געהערט פון די הכנסת אורחים פון רבי פיניעלע אוסטילער, ס'איז געווען גאר שטארק די מידה פון הכנסת אורחים, מ'האט עס געהערט פון עטליכע אידן וואס זענען דארט געווען.

**רשפיה רשפי אש**

ו) רבי פיניעלע אוסטילער איז געפארן צו אסאך פלעצער, און אלע וואס האבן איהם געדענקט פלעגן רעדן פון זיין הדרת פנים, און אויך פון די לאנגע תורות. ער האט גאר שטארק מקפיד געווארן אויף נקיות, ווען ער האט באמערקט א פלעק פלעגט ער עס תיכף אפפיצן אפילו אינמיטן גיין אין גאס, ער פלעגט גיין מיט גאר לאנגע קליידער. איינער וואס איז געשטאנען נעבן איהם ביים דאווענען האט פארציילט אז בשעת דער עולם האט געדאווענט האט ער געברענט אזויווי א פלאם פייער, אבער ווען מ'איז געווארן שטיל האט ער זיך באלד באזוויגט.

**לפני מי אתה עומד**

ז) בשעת דער בר מצוה סעודה פון זיין זוהן רבי ישעי' זושא הי"ד האט זיך משתתף געווען הגאון ר' מאיר שפירא זצ"ל, נאך דער בחור האט געזאגט דער פשעטל האט דער בעלזער רב געפרעגט פון ר' מאיר שפירא וואס ער זאגט אויפן פשעטל, האט ער געענטפערט אז דער בחור האט געזאגט אזויווי א קאריצער אייניקל... (שרבי מאיר שפירא וגם רבי פיניעלע היו נכדי הרה"ק ר' פינחס קאריצער זי"ע) האט דער בעלזער רב צוריקגעזאגט פאר ר' מאיר שפירא: "אבער ס'האט געפעלט די אימתא דציבורא", האט ר' מאיר שפירא צוריקגעזאגט אז ווען ס'איז דא אימתא דשמיא איז נישטא קיין אימתא דציבורא, דאס אז ער האט צוריקגעזאגט פארן בעלזער רב אז ער האט געזאגט אזויווי א קאריצער אייניקל האט אויסגעזעהן ווי א פגם אין בעלזא, און די יושבים האבן געוואלט פוגע זיין אין ר' מאיר שפירא, און דער בעלזער רב האט גלייך געזאגט פאר די יושבים אז מ'זאל איהם גארנישט טוהן.

**חזו בני חביבי**

ח) ער איז געווען אן עילוי, אמאל ווען דער בעלזער רב האט געזעהן זיין זוהן רבי אהרן מיט רבי פיניעלע שמועסן האט ער געזאגט אז מיט אזעלכע צוויי קינדער קען מען זיין רואיג.

**ויעמוד פינחס ויפלל**

ט) איינמאל האט איינער וואס האט געוואוינט נעבן רבי פיניעלע זיך אפגערעדט צום בעלזער רב אז ער קען נישט שלאפן ווייל ער איז אויף די גאנצע נאכט און לערנען, און הערשט אכט אזייגער צופרי אראפציען די לאדנס, און צעהן אזייגער שוין צוריק ארויפציען און אויפשטיין צו ברכות, האט איהם דער בעלזער רב געזאגט: "צו זיין מיט מיין רבי פיניעלע אונטער איין דאך איז א זכיה, און דו רעדסט זיך נאך אפ?!"

**ועסקין בחדוותא דילי**

י) איינמאל ווען ער איז געווען ביי א חתונה אין טשעבין האט ער זיך נאכן חופה אוועקגעזעצט מיטן טשעבינער רב רעדן אין לערנען ביז דער עולם איז שוין געקומען מיט טלית ותפילין, אזוי האבן זיי גערעדט אין לערנען א גאנצע נאכט, און דער טשעבינער רב האט זיך אויסגעדריקט אויף איהם אז ער איז א בחינה פון שר התורה!

**ולא שת לבו**

יא) איינמאל האט די רעבעצין געדארף צוריקקומען פון ערגעץ און עס איז געווען א 'זעקס אזייגער באן' און א 'ניין אזייגער באן', און ווען זי איז צוריקגעקומען האט ער זיך אנגערופן 'הייסט אז די זעקסער באן איז שוין אנגעקומען', האט זי געזאגט אז זי איז געקומען מיטן 'ניינער באן'. ער איז געווען אזוי פארטיפט אין לערנען און ער האט נישט געוואוסט צי עס איז זעקס אזייגער צי ניין אזייגער.

**שב ואל תעשה עדיף**

יב) עס איז געווען אמאל וואס מ'האט געדארף חתמ'נען עפעס פאר די שטאט און עס איז געווען א סכנה אויב מ'האט נישט גע'חתמ'ט, אבער ער האט געהייסן פאר איינעם נישט צו חתמ'נען, און מ'האט געלייגט שטארקע דרוק אויף יענעם אז ס'איז א סכנה, אבער רבי פיניעלע האט ווייטער געזאגט נישט צו חתמנען, און למעשה זענען אלע וואס האבן נישט גע'חתמ'ט געראטעוועט געווארן.

**והיה ביום השישי**

יג) פאר די מלחמה איז געווען א איד וואס איז געווען ביי איהם און ער האט איהם געפרעגט צי ער זאל שוין אהיים פארן, האט איהם רבי פיניעלע געזאגט אז ער זאל בלייבן אויף שבת, פרייטאג צוויי אזייגער פארטאגס האט ער איהם געזאגט אז א איד טאר נישט אויספירן און פאר שוין אהיים, ער איז גלייך אהיימגעפארן און אנגעקומען אהיים זעקס אזייגער, און טאקע זעקס אזייגער האט זיך די מלחמה אנגעפאנגען.

**הפצת הסיפורים ופתגמים נתנדב ע"י ידידינו הנכבד מוה"ר אהרן אברהם שווארץ הי"ו יו"ר מפעל התורה שארית לפינחה העולמי דחסידי סקווירא לרגל היומ"ד קדישא של הרה"ק רבי פיניעלע מאוסטילא זי"ע זכותו הגדול והקדוש וזכות זיכוי הרבים יגן עליו ועל כל הנלוים אליו להתברך בכל מילי דמיטב**

# למיתב בציל"א

**הבהרה ובקשה:** אזוויי דער דאזיגער בלעטל איז א גליון פנימי בלתי מוגה, וואס ווערט ארויסגעגעבן דורך א יחיד וואס פארשרייבט זיך זיינע אייגענע רשימות פון אינטערעסאנטע קרישקעלעך און אומבאריכטעטע נייעס'לעך בבית חיינו, ווילן מיר בעטן אז מ'זאל דאס ביטע נישט ארויפשטעלן אויף קיין שום ציבור'ישע פלאטפארמעס וכדו', דאס צו באקומען קען מען זיך ווענדן צום מוציא לאור. יישר"כ.

## שב"ק פרשת אמור י' אייר שנת תשפ"ד לפ"ק

### שמחת בית סקווירא

דעם שב"ק איז פארגעקומען דא אין שטעטל דער שמחת הקידושא רבא לרגל דער בר מצוה פונעם רבי'נס אור-אייניקל הבחור חיים מאיר בן הרב בערל האגער שליט"א פון מאנסי, לרגל די שמחה זענען געקומען צו פארן אויף שבת חתנא דבי נשיאה הרה"צ רבי יעקב יוסף האגער שליט"א און מחותנו דעם רבי'נס פלומעניק הרב דוד צבי כהנא שליט"א פון מאנסי שווער פון הרב בערל האגער שליט"א, דער מחותן הרב דוד צבי איז מכובד געווארן מיטן 'בענטשן' פרייטאג צונאכטס, און הרה"צ רבי יעקב יוסף חדב"ן שליט"א - מיט עליית 'שלישי' ביי קריה"ת. ביי קריה"ת האט דער בר מצוה בחור עולה געווען 'אחרון' און דער גאנצע ציבור האט געוואונטשן 'מזל טוב' לפני הקודש, און תיכף נאכן דאווענען איז פארגעקומען דער שמחת הקידושא רבא מיט ניגוני שמחה און דער גאנצע עולם האט געוואונטשן לחיים צוזאמען.

ביי קידוש שבת בייטאג אין רבי'נס הויז נאכן גרויסן קידוש אין ביהמ"ד ווי עס האבן זיך אויך משתתף געווען הרה"צ רבי יעקב יוסף האגער שליט"א ומשפחתו אינאיינעם מיטן בר מצוה בחור האט חתנא דבי נשיאה דערציילט פארן רבי'ן שליט"א אז דער בר מצוה בחור האט געלערנט און מסיים געווען ששה סדרי משנה לרגל זיין בר מצוה, זייענדיג שוין דער צווייטער אין די משפחה וואס איז מסיים ששה סדרי משנה לרגל דער בר מצוה נאך זיין פעטער הבחור מנחם מענדיל ני"ו בן הרה"צ רבי יעקב יוסף חדב"ן (בבחינת 'אחד (חיים) מאי"ר ושנים ממשפחה'), און דער בר מצוה בחור האט דארט בשעת קידוש געמאכט דער סיום מיטן 'הדרן' בשעת ווען עס געפונט זיך אויך דארט דער זיידע הרב דוד צבי כהנא שליט"א און דער רבי שליט"א זיצט און הערט זיך איין מיט א קענטיגע הנאה, דער רבי שליט"א האט שטארק אויסגעלויבט דער ענין פון מאכן א סיום מסכתא דערמאנענדיג דאס וואס דער טשערנאבילער מגיד זי"ע האט געזאגט אז די אותיות פונעם ס"מ איז נוטריקון ס'יום מ'סכת א'ין ל'עשות, און דער זעלבע ס'יום מ'שניות א'ין ל'עשות, און ס'עודת מ'צוה א'ין ל'עשות, און דער רבי שליט"א האט געגעבן לעקאך פון די אייגענע טעלער פארן בר מצוה בחור דער דאפלטער בעל שמחה זאגנדיג אז א סעודה איז דאך נישטא יעצט כאטש קען מען טיילן לעקאך, אזוי אויך האט דער רבי שליט"א אין נאך עטליכע געלעגענהייטן במשך שבת אויסגערימט דעם בר מצוה בחור אויפן סיום ששה סדרי משנה, און דערמאנט איבער די חשיבות פון לימוד משניות בכלל דערמאנענדיג וואס כ"ק מרן אדמו"ר זצוקללה"ה פלעגט כסדר זאגן צו לערנען משניות כדי אז מ'זאל האבן וואס צו חזר'ן ווען מ'גייט אויף די גאס. שפעטערביים מיטאג-טיש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען דער בר מצוה בחור מיטן 'בענטשן', כאטש וואס עס זענען דא געווען אויף שבת אנדערע אנשים חשובים און בנן של קדושים, וואס געווענטליך אין אזא פאל איז דער רבי נישט מקפיד מכבד צו זיין דעם בר מצוה בחור מיטן בענטשן אינעם ערשטן שבת נאכן בר מצוה נאר איז עס משלים אין א שפעטערדיגע געלעגנהייט, און שפעטער נאכן טיש האט דער רבי שליט"א געזאגט פארן זיידן הרה"צ רבי יעקב יוסף חדב"ן שליט"א אז דער כיבוד פון 'בענטשן' איז געווען אלץ דער 'סיום'.

ווי געזאגט איז מיטן בענטשן ביים מיטאג-טיש מכובד געווארן דער בר מצוה בחור אייניקל פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, במשך שבת זענען מכובד געווארן מיט כיבודים אנדערע בנן של קדושים נכדי שלשלת המלוכה למעלה בקודש: מיט 'הגבהת הכוס' צו קידוש ביי שלוש סעודות איז מכובד געווארן אן אייניקל פון כ"ק מרן אדמו"ר זצוקללה"ה הבחור בערל ני"ו בן הרב מענדיל פיש שליט"א אייניקל פון כ"ק האדמו"ר מביקסאד שליט"א; מיט 'קה אכסוף' ביים טיש פרייטאג צונאכטס איז מכובד געווארן אן אייניקל פון כ"ק מרן הרה"ק רבי דוד'ל סקווירער זי"ע הרב מנחם שלמה טייטלבוים שליט"א א פאלטישאנער אייניקל משגיח בישיבתינו הק' קול יעקב אין מט. קיסקא; מיט 'הגבהת הכוס' צום בענטשן ביי שלוש סעודות איז מכובד געווארן אן אייניקל פונעם טשערנאבילער מגיד זי"ע הרב ישעי' טווערסקי שליט"א בן הרה"צ ר' יחיאל ז"ל פון בני ברק פעטער פונעם רבי'נס אייניקל הרב הערש מיילעך טווערסקי שליט"א, וואס איז אויך מכובד געווארן מיט 'צור משלו' פרייטאג צונאכטס. מיט 'תפלת מוסף' האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"צ ר' בעריש רובין שליט"א מדאמבראווא מנהל כולל חבת ירושלים צדקת רבי מאיר בעל הנס (א שבת פאר די הילולא קדישא ביום פסח שני...) וואס איז אויך מכובד געווארן מיט 'קה ריבון עלם' פרייטאג צונאכטס, (אגב, פאריגע מאל וואס ער איז דא געווען אויף א שבת אין שטעטל איז געווען מיט 56 יאר צוריק בשנת תשכ"ח).

### ולנצ"ח נצחי"ם קדושתך נקדיש

שב"ק י' אייר 'נצח שבנצח' איז אויסגעפאלן די יומא דהילולא קדישא פון הרה"ק רבי דוד'ל טאלנער זי"ע פון די אכטע הייליגע זוהן פון כ"ק מרן הרה"ק דער טשערנאבילער מגיד זי"ע, ביי די דברות קודש פרייטאג צונאכטס האט דער רבי שליט"א נאכגעזאגט א ווארט פונעם טאלנער אין זיין ספר ברכת דוד אויפן פסוק 'אמור אל הכהנים', איבער דעם ענין וואס דער רבי דערמאנט אומאויפהערליך ביי די פתגמין קדישין בלילי השבתות אז מ'זאל נישט טוהן די דברים גשמיים מיט קיין בהמיות נאר מיט א דביקות צום אייבערשטן, צווישן די ניגונים בשעת לחיים-געבן נאכן תורות האט מען אויך געזינגען א ניגון ריקוד פונעם באוואוסטן חזן הרה"ח ר' יאסל טאלנער ע"ה פון די מנגנים בחצר הרה"ק ר' דוד'ל טאלנער זי"ע. צומארגנס ביי שלוש סעודות פונעם טאג 'נצח שבנצח' איז דער דריטער ניגון געווען דער ניגון שמחה 'לדור ודור נגיד גדלך ולנצ"ח נצחי"ם'.

ביי קידוש שבת בייטאג נאכן דאווענען במעון הקודש וואס מ'האט פאר א לענגערע צייט גערעדט פילע דיבורים וסיפורים פונעם שבת'דיגן בעל הילולא הרה"ק רבי דוד'ל טאלנער זי"ע, צווישן זיי ווערטלדיגע דיבורים און סיפורים וואס פלעגט זיך כסדר מאכן ביי רבי דוד'ל - האט דער רבי שליט"א דערציילט א סיפור וואס דער רבי האט געהערט פונעם טאטן ז"ל, אז עמיצער איז אמאל געקומען מיט די בני בית צום טאלנער זי"ע און ער האט געזאגט אויף איר אז זי איז נישט געזונט (חסר דעה ל"ע) און זי האט געזאגט אויף איהם אז ער איז נישט געזונט... האט דער טאלנער געזאגט אז פאר ער פסק'נט אזא זאך זאל מען איהם גיבן דאס געלט פארן פדיון, האט דער מאן געזאגט אז דאס געלט איז ביי איר, האט דער טאלנער געזאגט: "דעמאלטס איז זי גערעכט! אויב דו לאזט איר פירן דאס געלט איז א סימן אז דו ביסט דער נישט געזונטער"... און איידערן פארציילן דעם סיפור האט דער רבי שליט"א זיך אנגערופן בדרך צחות צו איינער פון די נשות המשפחה וואס זענען געווען דארט אנוועזענד -

אז זי זאל זיך נישט צוהערן... אויך האט דער רבי שליט"א דערציילט דעם סיפור הידוע וואס איז געווען ביי רבי דוד'ל טאלנער מיט עמיצן וועגן שפרינגען פון א דאך, און דער רבי שליט"א האט צוגעלייגט אז ביי כ"ק האדמו"ר ר' דוד אבוחצירא שליט"א פון ארה"ק איז אויך געווען די וואך א ענליכע זאך מיט אזא סארט...

### ותשמיעם את הו"ד קולך ודברות קדשך

ביי די דברות קודש פרייטאג צונאכטס - שטייענדיג סיי אין די 'ימי הספירה' און סיי אין די 'פרשת הספירה' פרשת אמור - האט דער רבי שליט"א אויך נאכגעזאגט עטליכע ווערטער בענינא דיומא בעניני תשובה וזיכוך המידות בימי הספירה און פסח שני, אנהייבנדיג מיטן מאור ושמש אויף 'ועשיתם ביום הניפכם את העומר וכו'' אז די קדושה וואס קומט אראפ אין די ימי הספירה זאל מען ממשיך זיין אויף א גאנץ יאר, און ממשיך געווען מיט אן אזולאי אין נחל קדומים וואס ער האט געטראפן אין א כתב יד ישן אויפן פסוק פון סוכות 'ולקחתם לכם' אז די טעג פון ספירה זענען זמנים פון תשובה און צוזאמען מיטן תשובה פון די ימים נוראים איז מען ממתיק די קליפות, וואס איז אגב א ווארט וואס דער רבי האט שוין נאכגעזאגט סיי אין די ימי הספירה און סיי אינעם יום טוב סוכות בלויז דער ערשטער חלק פונעם ווארט, און דעם אויספיר פון די צוזאמשטעל פון די ימי תשובה פון חודש תשרי מיט די ימי הספירה. שפעטער ביים סוף פון די תורות האט דער רבי שליט"א נאכגעזאגט אן עבודת ישראל אויף פסח שני אויפן פסוק אין פרשת בהעלותך 'איש איש כי יהיה טמא לנפש' אז אפילו אויב מ'איז ח"ו נתרחק געווארן קען מען תשובה טוהן אין פסח שני ווען ס'איז 'תרעין פתיחין', און ער זאגט א לשון אז 'בוודאי' דער אייבערשטער איז איהם מבטיח אז טאמער וועט ער תשובה טוהן מיט אן אמת וועט דער אייבערשטער מקבל זיין די תשובה און ער וועט קענען נתקרב ווערן צום אייבערשטן.

צווישן די צעהן תורות פרייטאג צונאכטס האט דער רבי שליט"א נאכגעזאגט א ווארט פונעם תורי זהב אויף די הפטורה פון די וואך פרשת אמור ווי דער רבי האט שטארק ארומגערעדט איבער דער ענין פון 'גדרים וסייגים' דער ספעציעלער חשיבות און התקרבות וואס מ'האט ביים אייבערשטן ווען מ'מאכט א גדר לפנים מגדר און סייג לפנים מסייג, ווייל ווען דער דור איז פרוץ דארף מען מחמיר זיין אפילו ביי זאכן וואס זענען נישט קיין דבר איסור און אפילו נישט קיין סייג נאר א 'נגיעה' א 'סייג דסייג', ווי מ'זעהט אין גמרא ווי מ'האט מעניש געווען אין אזא פאל ווען דער דור איז געווען פרוץ. דאס ווארט איבער די וויכטיגקייט און חשיבות פון זיך מחזק זיין אין די גדרים וסייגים אין א 'דור פרוץ', האט דער רבי שליט"א נאכאמאל איבערגע'חזר'ט מוצאי שבת ביים באזוך פון הרה"צ ר' נחמיה אלתר שליט"א בן כ"ק האדמו"ר מגור שליט"א בקודש פנימה, וואס האט דערציילט פארן רבי'ן איבער א נייעם ארגענעזאציע וואס איז געמאכט געווארן אין גור פאר שוואכע בחורים, און אויך ביים שיחת הקודש פאר די תלמידות פון די צוועלפטע קלאס פון בית טראני אין וומסב"ג און מאנסי און בית ציפורה פון בארא פארק וועלכע זענען דא געווען אויף שבת, און זענען מוצאי שבת אריין אל הקודש פנימה אינעם רבי'נס פראווע-צימער, (ווי דער רבי האט זיך אויסגעדריקט אויף דעם ווארט אז דאס איז 'א פלא'דיגע זאך'), און דער ווארט איז געווען זייער פאסיג שטייענדיג אין א צייט וואס חסידי סקווירא בכל אתר ואתר זענען איינגעהילט אין א לופט פון קדושה וטהרה מיט התגברות והתחזקות אויף די גדרים וסייגים, ווען יעדע וואך פון די ימי הספירה קומען פאר מעמדים גדולים אין אלע שטיבלעך דחסידי סקווירא ברחבי ארה"ב בראשות בני כק מרן אדמו"ר שליט"א, במסגרת דעם מבצע 'ממשיכים ומוסיפים' אינעם מבצע האדיר 'קדשינו' אונטערן נאמען 'והופע שכינתך', און אויך קומט ימעדע וואך ארויס גליונות מיט באריכטן פון די צענדליגער מעמדים .

### תרעין פתיחין

דעם דינסטאג נאכט פסח שני ארייינטרעטנדיג אינעם שבוע של הוד וואס איז תרעין פתיחין האט זיך בשעה טובה ומוצלחת געעפענט די טויערן פון די שידוכים פון די פרישע כיתה, ווען די שדכנים האבן געמעגט אנהייבן אנטראגן שידוכים און ביום ל"ג בעומר קען מען שוין אויך אויספירן שידוכים, דינסטאג נאכמיטאג ערב פסח שני האט זיך צוריק אנגעהויבן קבלת קהל בקודש פנימה נאך עטליכע וואכן וואס דער רבי שליט"א האט נישט געפראוועט אין די נאכט שעות ווי יעדע יאר אין די וואכן פון נאך פסח, און האט זיך אנגעהויבן פונקט אינעם צוגעפאסטן צייט ארייינטרעטנדיג אינעם תקופת השידוכים וואס איז א צייט וואס גאר אסאך גייען דעמאלטס אריין אל הקודש פנימה איידערן גומר זיין שידוכים. ארייינטרעטנדיג אינעם פרישן תקופת השידוכים איז געמאלדן געווארן פאר די שדכנים און עלטערן א שטארקע שינוי וואס איז געמאכט געווארן דעם פאראגנגענעם ווינטער אין די תקנה וואס דער רבי שליט"א האט מיט עטליכע יאר צוריק אוועקגעשטעלט פאר אנשי שלומינו פון אויסלאנד אז אויב איינער פון די צווי צדדים וואוינען מעבר לים זאל מען דארט גיין וואוינען, אז כדי צו פארלייכטערן מיט די שידוכים פאר די אויסלענדישע איז געמאכט געווארן א שינוי אין דעם תקנה אז אויב נאכן וואוינען פאר זיבן יאר מעבר לים שפירט מען אז עס פעלט אויס צוריקצוקומען קיין אמעריקא, קען מען זיך דעמאלטס באזעצן וואו אימער ס'פעלט אויס, כמובן אויסערן שטעטל.

אויך איז ביים עפענונג פונעם היי-יעריגן תקופת השידוכים וואס מ'האפט אז ווען די פרישע חתנים וועלן אי"ה גיין אונטער די חופה זאל דער נייער שטעטל קרית סקווירא שוין זיין א פאקט און מ'זאל שוין זיך שוין קענען ארייינציען וואוינען דארט - געמאלדן געווארן די פרטים אנבאלאנגט ווער עס מעג זיך ארייינציען אינעם נייעם שטעטל, אז אויב ביידע צדדים זענען נישט פון שטעטל קען מען זיך ארייינציען אינעם נייעם שטעטל פון זיבן יאר נאך דער חתונה, און אויב איין צד איז פון שיכון סקווירא און דער צווייטער צד איז נישט פון שטעטל קען מען זיך אין די ערשטע פינף יאר פון ווען מ'עפנט די קריה גלייך ארייינציען, און ווי דער רבי שליט"א האט ערוועגט אז אזוויי מ'וויל דאך אוועקשטעלן דער נייער שטעטל מיט חסידישע יונגעלייט, איז דאך ביי דעם אויך שייך דעם זעלבן טעם ווי די שטיבלעך, דערפאר קען מען אפילו איין צד איז נישט פון שטעטל אויך גיין וואוינען אינעם נייעם שטעטל, וואס אגב זענען שוין אין די פאראגנגענע חדשים אויסגעפירט געווארן עטליכע שידוכים פון תושבי השיכון מיט אנשי שלומינו מחוץ לשיכון, אויפן סמך אז דער פארפאלק וועט אי"ה גיין וואוינען אינעם נייעם שטעטל.

### טוב להודו"ת - להגיד בבוקר חסד"ך

דאס יאר איז דער פרישער תקופת האירוסין געעפענט געווארן מיט א פאסיגן ארייינפיר ווען אינעם זעלבן נאכט בו בזמן ווען מ'האט געקענט אנהייבן אנטראגן שידוכים איז געפראוועט געווארן דער פרייליכער מסיבת אירוסי"ן פונעם רבי'נס אור-אייניקל וואס משמחת צדיק ווערט דאך נשפע שמחות פאר אלע חסידים, און ווי מ'האט געזינגען ביים מסיבת אירוסין באלד נאך די ברכות צדיק פאר די חתן און שושבינון 'עוד ישמע בערי יהוד ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה'! דער מסיבת האירוסין פון החתן יעקב יוסף בן הרב חיים מאיר בן הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א עב"ג הכלה בת הרה"ג ר' שלמה פרענקל שליט"א אבד"ק וויעליפאליע אין לעיקוואד, האט זיך אנגעהויבן מיטן באשיידענעם מסיבת אירוסין אין רבי'נס הויז פארן זמן אזוויי ביינאכט איז געווען ב"ד בשבוע, און דערנאך דער צענטראלער מסיבת אירוסין אינעם שאטער הגדול בליל פסח שני ווי אלפי אנשי שלומינו האבן זיך מיטגעפריידט בקול שמחה וצהלה, און אנדערש ווי געווענטליך ביי מסיבות וואס הייבן זיך אן פארן זמן און ציען זיך אריין נאכן זמן וואס מ'דאוונט מעריב נאכדעם, האט דער רבי שליט"א געדאוונט מעריב צווישן דעם מסיבת אירוסין אין רבי'נס הויז און דער גרויסער מסיבת אירוסין, כאטש וואס ווען מ'האט אנגעהויבן מעריב איז שוין געווען נאכן זמן וואס עס אזי געמאלדן געווארן אז דער רבי וועט ערשיינען צום מסיבת אירוסין, און עס האט אויסגעזעהן ווי דער רבי וויל אז

ביים צענטראלן מסיבת אירוסין זאל מען שוין האלטן מיטביידע פיס אריין אין די שבוע של הוד שוין נאכן ערשטן ציילן דעם ערשטן ספירה פון 'הוד'.

ביים מסיבת אירוסין אין רבי'נס הויז ווי מ'האט ארומגעשמועסט אסאך סיפורים ודיבורים פון הרה"ק דער ראפשיצער רב זי"ע שטייענדיג אין די דריי טעג פון די יארצייט, האט הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א דערמאנט דעם באקאנטן ווערטל אויף 'תנחם - חסין' וואס דער ראפשיצער רב האט אמאל געזאגט אין פסח שני אז עס קומט זיך אונז א מזל טוב ווייל תנחום איז געווארן א חתן, ווייל יענע נאכט איז געווען די ספירה פון 'תנחם חסין'... וואס איז געווען ענינא דיומא צום טאג און צום מאורע, און הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א האט געזאגט אז פון דעם זעהט מען אז אין ראפשיץ האט מען אויך געזאגט 'חסין' מיט א קמץ אזוי ווי מ'פירט זיך ביי אונז, אנדערש ווי אין די וועלט וואס מ'זאגט עס מיט א פתח... ביים סוף פונעם מסיבת אירוסין אין רבי'נס הויז ווען דער מחותן וויעליפאליע רב ומחשובי רבני אנ"ש איבערגעגעבן פארן רבי'ן שליט"א דעם גאלדענעם טאש-זייגער דאס איבערצוגעבן פארן חתן, האט ער געזאגט פארן רבי'ן אז פאר דעם שידוך האט זיך די כלה אפגערעדט אז אלע שידוכים רעדט זיך דער מחותן אדורך מיטן רבי'ן פארדעם און פונקט דעם שידוך נישט... און ער האט געזאגט אז ער מאכט דעם מחותן דעם רבי'נס אייניקל הרב חיים מאיר אלץ שליח דאס איבערצורעדן מיטן רבי'ן... און יעצט מאכט ער די שליחות אויף די אנדערע וועג, אז ער מאכט דעם רבי'ן א שליח איבערצוגעבן דעם זייגער פארן חתן.

צווישן די צוויי ריקודים ביים מסיבת אירוסין האט מען געזינגען דער מודזיץ'ער ניגון 'פתחו לי שערי צדק - זה השער לה' צדיקים יבואו בו'' אריינטרעטנדיג אינעם שבוע של הוד וואס עס איז 'תרעין פתיחין', אויך האט מען געזינגען א רייע ניגוני פסח ווי 'העושה גדולות' און ביי לחיים-געבן 'הרחמן הוא ינחילנו ליום שכולו טוב ליום שכולו ארוך ליום שצדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם', און איינס פון די צענדליגער ניגוני 'והוא שעמדה'. דער מסיבת אירוסין איז געשלאסן געווארן ווען מ'האט ארויסבאגלייט דעם רבי'ן שליט"א מיטן פרייליכן 'מירון'ער ניגון', באקאנט אלץ דער ניגון מיט וואס מקבל פני הקודש צום פארטאגס-טיש שמחת תורה, שטייענדיג בלויז געציילטע טעג פונעם גרויסן טאג 'הוד שבהוד' ווען די לופט פון ל"ג בעומר האט זיך שוין שטארק געשפירט בחצר קדשינו מיט די הכנות צום גרויסן טאג, ווען אויף די הויכשטאקיגע פארענטשעס זענען אין יענעם טאג שוין אויפגעשטעלט געווארן בחצר בית מדרשינו לקראת דער מעמד ההדלקה רבתית וואס דער רבי שליט"א וועט אנצידן לכבוד התנא האלקי דעם קומענדיגן זונטאג ל"ג בעומר נאכמיטאג צוזאמען מיט די ריקודי שמחה בתופים ובמחולות בהילולא דבר יוחאי.

נאך א ביקור התעלות איז די וואך פארגעקומען אינערהאלב די השלמת הביקורים פונעם רבי'נס קינדער בהיכלי ישיבתינו הקדושות וועלכע זיי האבן נישט אנגעיאגט פארגאנגענעם סוף זמן ווי עס איז איינגעפירט מימים ימימה לאור המצב, און דעם פסח שני איז פארענטפערט געווארן פאר די תלמידי ישיבתינו הקדושה תולדות יעקב יוסף אין בארא פארק די שאלה פון 'למה נגרע', ווען הרה"צ רבי יצחק שליט"א איז אנגעקומען אויף א ביקור הוד בהיכל הישיבה וואס האט זיך אנגעהויבן מיט א ווארעמע תפלת שחרית לפני התיבה אינדערפרי, און געשלאסן מיט א שיינעם א סעודת פסח שני צוזאמען מיט אלע בחורים, ווי הרה"צ רבי יצחק שליט"א האט זיך געוואשן צום סעודה ווי מ'האט אויך אריינגעברענגט פסח'דיגע מאכלים ווי בארשט און די ספעציעלע מאכלים פון מצה לרגל פסח שני, הרה"צ רבי יצחק שליט"א האט געטיילט מצה פאר אלע בחורים און איבערגעגעבן א שיחת התחזקות אין אלע ענינים הצריכים חיזוק.

עטליכע מעסעדזשעס פון ליינער

## עלף חדשים שפעט!

ווי באקאנט שטייט דער רבי שליט"א זייער שטארק אויף דעם אז מ'זאל מקיים זיין אלע סקווירער מנהגים, וואס דער רבי שליט"א דריקט זיך אויס אויף דעם אז זיי זענען געווען ביים טאטן ז"ל קודש קדשים! אבער ספעציעל זעהט מען דאס זייער שטארק ביי דעם מנהג קודש פון שערן די קינדער תיכף ביי די צוויי יאר. אין די פארגאנגענע טעג האט אחד מאנשי שלומינו אריינגעשיקט פרעגן בקודש פנימה אז זיין קינד ווערט דריי יאר אין די ימי הספירה, ווען ער זאל שערן, צי אין ל"ג בעומר אדער אין מ"ח לעומר אויף שבועות?... און דעם רבי'נס תשובה איז געווען: **"ער איז געקומען עלף חדשים שפעט!"**

ר-י לאנדאו

## אביסל עולם הזה!

אויף דעם וואס ס'איז געשטאנען פאריגע וואך איבער דעם געוואלדיגן מסירת נפש וואס דער רבי שליט"א האט געהאט צו גיין אין מקוה מיט זיבן יאר צוריק ערשב"ק פרשת אחרי קדושים זיך געפונענדיג אין שפיטאל, איז וויכטיג צוצולייגן גאר א שטארקע פרט וואס הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א האט אויפגעדעקט ביים שבת התוועדות לבני כיתתו מיט צוויי וואכן צוריק, איבער א מורא'דיגע אויסדריק וואס די מקורבים האבן דעמאלטס געהערט פונעם רבי'ן בעת וואס מ'האט דן געווען צי מ'קען בכלל גיין אין מקוה ווען דער רבי שליט"א האט געליטן שווערע יסורים האלטנדיג נאך א שווערן דורכגאנג, און צווישן איין פראצעדור אין דעם צווייטן, האט זיך דער רבי שליט"א דעמאלטס אויסגעדריקט איבער רצונו העזה צו א טבילה במקוה בזה הלשון: **"אביסל עולם הזה דארף איך אויך האבן!"** און דער רבי האט זיך דאן גע'טובל'ט מער טבילה'ס, ווארשיינליך וויבאלד מ'האט געוואוסט אז שבת וועט נישט זיין שייך צו גיין אין מקוה, וואס אויף איין טבילה האט מען אויך געהערט דעם רבי'ן זאגן אז דאס איז פאר שבת!

אחד מבני הכיתה

**אשר ברא ששון ושמחה גילה רנה דיצה וחדוה אהבה ואחוה ושלום ורעות**

בשמחת וגיל (בגימ' יעק"ב יוס"ף טווערסקי) תרננה שפתינו יחדיו ונברך ברכת מזל טוב מעומק לבבינו

אל כבוד חברינו החביב פרע"ח החתן המהולל בתשבחות **כמר יעקב יוסף טווערסקי נ"י** רוח החיים של חבורתינו המעטירה בן הרב חיים מאיר בן הרה"צ רבי אהרן מענדיל שליט"א נכדו חביבו של עטרת ראשינו הוד כבוד קדושת מרן אדמו"ר שליט"א לרגל השמחה הגדולה במעונו שבא **בקשרי** שידוכין למזל טוב בששון ובשמחה גילה ורנה דיצה וחדוה **אהבה** ואחוה אלה תולדות 'יעקב יוסף' מאז בן שבע עשרה שנה כשנתייסדה חבורתינו המעטירה היה רועה את חבריו **בקשרי אהבה** וחיבה בקיימו תמיד במלא מובן המילה את דברי הרבי ר' אלימלך זי"ע 'ושנדבר כל אחד את חבירו בדרך הישר והרצוי לפניך ושיתחזק הת**קשר**ותינו **באהבה**' ומאז ועד היום בכל שבוע ושבוע מגביה את החברה במסילות לבו ומוחו הברוכה ובמאור וצהלת פניו ולא לחנם השמחה אצל כל בני החבורה יחדיו וחבורת **קשרי אהבה** בכלל וכל אחד ואחד גבוה מעל גבוה על השמחה הגדולה באירוסי חברינו היקר יעקב יוסי!

ויהי רצון שתזכה להמשיך את **קשרי** שלשלת הקודש ויזכור **אהבתם** ויחיה זרעם שארית יעק"ב

המאחלים בברכה שלימה וחמה חבירך וידידיך: בני חבורת פרע"ח הרב יחזקאל שרגא גאלדמאן שליט"א

מעסעדזשעס מיט הוספות והערות - וואס ערשיינען מזמן לזמן - ווי אויך אריינצושטעלן באגריסונגען - גרעסערע און קלענערע - קען מען לאזן אויף: 845-445-9295